# פרשת תצוה ה' - י"א אדר א' תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת תצוה***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית המדרש ספינקא. אחר התפלה שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **עזריאל יהודא** (ב"ר חיים אלעזר) **שפיץ** הי"ו.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **חיים ניסן טויבער** הי"ו, שהתקיים בביתו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של החתן **חיים יהושע** נ"ו ב"ר **מרדכי נאה** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אלעזר** (ב"ר אשר יעקב) **מענצער** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הלכות ברכת המזון סימן קפ"ב סעיף ג') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פרשיות אין די וואכן זענען וועגן מאכן א משכן פארן אייבערשטען, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, מען זאל מאכן א משכן וואו דער אייבערשטער וועט רוען אינווייניג. ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, וכן תעשו (שמות כה-ח), אזוי ווי איך ווייז דיר דעם פארעם פון די משכן מיט די כלים, אזוי זאלט עטץ טון. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז אין יעדע מצוה איז דא א לימוד וואס מען לערנט אראפ דערפון, וואס דער לימוד איז א נצחיות. מיר האבען היינט נישט קיין בית המקדש, מיר האבן נישט די מצוה פון ועשו לי מקדש, אבער יעדע יודישע שטוב, איש ואשה שזכו שכינה ביניהם (סוטה יז.), עס איז א מקדש ה'. ווען א צדיק איז זוכה אז ער ווערט א מרכבה פאר די שכינה, איז ער אויך א משכן פארן אייבערשטען. דער אייבערשטער זאגט, ועשו לי מקדש, מאכטס פאר מיר א משכן, ושכנתי בתוכם, איך זאל קענען רוען צווישן ענק. ווי אזוי מאכט מען אז א יודישע שטוב זאל זיין א משכן.

זאגט דער פסוק, ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, לערן דיך אראפ פון די פארעם וואס איך האב אויסגעשטעלט די משכן מיט די כלים, וכן תעשו, אזוי זאלט עטץ טון.

**תבנית** כל כליו זענען די מפרשים מסביר, אין משכן איז געווען א ארון, וואס דער ארון איז דער סימבאל פון תורה. נאכדעם איז געווען א שלחן, וואס איז דער סימבאל פונעם עסן פון א מענטש אין שטוב. נאכדעם איז געווען די מנורה, נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג). נעם די כלים וואס איז געווען אין מקדש, און ברענג עס אריין צו דיר אין שטוב. עס זאל זיין ביי דיר א ארון פון תורה, עס זאל זיין ביי דיר א הייליגע שלחן, עס זאל זיין ביי דיר א מנורה, וכן תעשו, אזוי זאלט עטץ נאכטון, דעמאלטס קענסטו האבן א מקדש פארן אייבערשטען. דער פסוק זאגט אבער, מען זאל אויך נאכמאכן די תבנית המשכן, נישט נאר לערן דיך אראפ פון די תבנית כל כליו, נאר אויך פונעם משכן אליין.

**די** דאך פונעם משכן איז געווען פון מערערע יריעות. די ערשטע יריעות, די יריעות התחתונות, דער ערשטער דעק וואס איז געווען, איז געווען זייער שיין אויסגעמאלען. עס איז געווען פון תכלת ארגמן תולעת שני שש, דער דעק איז געווען זייער קאלירפול, און עס איז געווען כרובים מעשה חושב, עס איז געווען אויסגענייט איין צורה פון איין זייט, און א אנדערע צורה פון די אנדערע זייט, וואס דאס האט צוגעדעקט דעם משכן. אויף דעם קומט די צווייטע יריעה, די יריעות עזים. פשוטע יריעות, פון האר פון ציגן, וואס דאס האט מכסה געווען דעם ערשטען דעק. עס איז געווען לענגער פון די ערשטע, די ערשטע איז נאר געווען אכט און צוואנציג אמות די לענג, און דאס איז געווען דרייסיג אמות, און עס האט אראפגעהאנגען פון די צוויי זייטן, און עס האט צוגעדעקט נאך מער פון וויפיל די ערשטע יריעות האבן צוגעדעקט.

**קומט** אויס, אז די ערשטע יריעות האט מען נישט ארויסגעזעהן אינדרויסן, נאר ווען מען איז געווען אינווייניג אין משכן האט מען עס געזעהן, אבער אינדרויסן איז עס געווען איבערגעצויגן מיט א

פשוטע דעק, די יריעות עזים, וואס דאס האט מען געזעהן פון אינדרויסען. אויף דעם איז געווען נאך א דעק, וואס דאס איז שוין יא געווען שיין, עורות אלים מאדמים און עורות תחשים, עס איז א מחלוקת (שבת כח.) צו עס איז געווען איין דעק, צו צוויי דעקן. און דאס איז נאר געווען אויפן דאך פונעם משכן, עס איז נישט געווען פון די זייט. ווען א מענטש האט געקוקט צו די זייט פון די משכן, האט ער נישט געזעהן נאר די יריעות עזים וואס האבן ארומגענומען די גאנצע משכן. יעדע זאך קומט דאך עפעס צו לערנען דעם מענטש.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז ווען דער אייבערשטער איז משפיע פאר א מענטש אז ער האט פארמעגן, און ער קען זיך ערלויבן צו לעבן ברייטער פון א צווייטען, **ביי זיך אין שטוב קען א מענטש לעבן מיט א רחבות. ביי זיך אין שטוב דארף זיין שיין, און וואס ער קען טון אין שטוב, איז ער בארעכטיגט צו טון. אבער אינדרויסען, וואס עס איז נוגע פאר די גאס וכדומה, מוז ער נישט ארויסווייזען זיין עשירות,** און בפרט אקעגן גוים. עס איז דא א לאנגע אריכות אין **כלי יקר** (פ' דברים), אויפן פסוק (שם ב-ג) רב לכם סוב את ההר הזה, פנו לכם צפונה, אז מען דארף נישט ארויסווייזען די עשירות, מען דארף זיך באהאלטן, און לעבן פאר זיך. און ער זאגט דארט מוסר פאר זיין דור, נישט אזוי ווי מען טוט היינט, אז אפילו ווען מען האט גארנישט ביי זיך אין שטוב, וויל ער כאטש ווייזען פאר אנדערע, בויט מען זיך שיינע הייזער פון אינדרויסען. אדרבה א מענטש דארף מצמצם זיין.

**ביים** משכן האט דער אייבערשטער געוויזען אז די ערשטע יריעות איז געווען שיין, דאס האט מען אבער נישט געזעהן אינדרויסען, נאר ווען א יוד איז אריינגעקומען אין משכן, און ער האט ארויפגעקוקט אויפן דאך, האט ער געזעהן אז עס איז זייער שיין ווי אזוי די יריעות זענען געווען אויסגעמאלן. אבער ווען א מענטש איז געשטאנען אינדרויסען, האט ער נישט געזעהן מער פון די יריעות עזים, וואס איז געווען זייער א פשוטער דעק. צו ווייזען אז שיינקייט דארף א מענטש האבן ביי זיך אין שטוב. אבער וואס עס איז נוגע אויפן גאס, אז יעדער דורכגייער זאל עס קענען זעהן, דארף זיך א מענטש קענען צוימען און נישט ארויסווייזען וואס ער האט. הון ועושר בביתו (תהלים קיב-ג), אויב דו האסט הון ועושר, בביתו, זאל עס זיין ביי דיר אין שטוב, נישט אינדרויסען. כאטש אויף די יריעות עזים איז אויך געווען א שיינע דעק, אבער דאס איז געווען נאר אויפן דאך, **אויפן דאך פון דיין הויז קענסטו אויך מאכן שיין, דארט וועט דיך קיינער נישט זעהן.** מען רעדט אבער פון די ווענט פון די זייט, דארט איז געווען יריעות עזים, צו ווייזען ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

*

**די** ערשטע יריעות זענען געווען פינף יריעות חוברות אשה אל אחותה (שמות כו-ג). מען האט געמאכט פינף יריעות, און נאכדעם נאך פינף יריעות, און מען האט צוזאמגעלייגט די פינף צוזאמען. עס איז געווען לולאות מיט קרסים, וואס האבן עס מחבר געווען. אין **בעל הטורים** שטייט, אז די יריעות האבן געוויזען אויף די תורה הק'. דער אייבערשטער האט אונז געגעבן עשרת הדברות, וואס אין דעם איז כלול כל התורה כולה. די עשרת הדברות איז געווען אויף שני לוחות הברית, צוויי שטיינער. פינף דברות איז געווען אויף איין לוח, און פינף איז געווען אויפן צווייטען לוח, און די עשר יריעות ווייזען אויף די עשרת הדברות, וואס איז געווען פינף אויף איין לוח, און פינף אויפן צווייטען לוח.

**די** תורה האט אבער געהייסען אז מען זאל צוזאמשטעלן די צוויי יריעות צוזאמען, עס זאל זיין באהאפטען איינס מיטן צווייטען. מען האט געמאכט לולאות מיט קרסי זהב, וואס האבן עס מחבר געווען צוזאמען. עס איז דא א ווארט אין **ערוגת הבשם** (פ' חיי שרה), ווען אליעזר איז געגאנגען זוכן א שידוך פאר יצחק, און ער האט געטראפן רבקה, און ער האט געזעהן אז זי איז א בעלת חסד, האט ער תיכף געגעבן שני צמידים על ידיה, עשרה זהב משקלם (בראשית כד-כב). רש"י זאגט, אז ער האט איר געגעבן צוויי צמידים, א רמז אויף די צוויי לוחות הברית וואס זענען מצומדות. און עס האט געוואויגען עשרה זהב, א רמז אויף די עשרת הדברות. מילא אז ער האט איר געגעבן א זאך וואס איז געווען ווערט עשרה זהב, ווייל ער האט איר געוואלט לערנען אז יצחק וועט מקבל זיין די תורה, מען וועט באקומען פונעם אייבערשטען די עשרת הדברות. אבער פארוואס האט ער געדארפט געבן שני צמידים? געב איין צמיד וואס איז עשרה זהב. אמת טאקע אז די לוחות איז געווען צוויי לוחות,

אבער מען מוז נישט אלעס פונקטליך נאכמאכן ווי אזוי עס איז געווען די לוחות. די עיקר איז אז מען איז מקבל די תורה, די עשרה זהב.

**זאגט** דער הייליגער **ערוגת הבשם** א שיינעם געדאנק. עס איז דא מצות וואס זענען בין אדם למקום, און עס זענען דא מצות וואס זענען בין אדם לחבירו. עס איז דא אטייל מענטשען, וואס זענען מער נזהר אין מצות וואס זענען בין אדם למקום, ווי אין א מצוה וואס איז בין אדם לחבירו. און עס זענען דא מענטשען פארקערט, אין א מצוה וואס איז בין אדם לחבירו איז ער מער נזהר. עס איז דא איינער וואס וועט אכט געבן בין אדם למקום, ער וועט האבן זיין שיעור צו לערנען, זיינע מאכלים וועלן זיין אויסגערעכנט אז עס זאל זיין הונדערט פראצענט כשר, ער זאל נישט עסן א זאך וואס איז דא דערויף א חשש איסור, בין אדם למקום פירט ער זיך אויף זייער שיין. אבער בין אדם לחבירו, ווען עס קומט צו געשעפטן, צו ער האט צוגענומען פון יענעם, צו ער האט נישט צוגענומען פון יענעם. צו מען פירט זיך ערליך, צו א ווארט איז געווען א ווארט, נישט רעדן לשון הרע אויף א צווייטען, ארויסהעלפן א צווייטען, דארט פילט ער נישט די חשיבות פון די מצוה, עס איז נאר בין אדם לחבירו. עס זענען דא מענטשען וואס זענען פארקערט, אויף א מצוה וואס איז בין אדם לחבירו, דארט שטעלט ער זיך אהער, און ער טוט אסאך צדקה וחסד, אבער ווען עס קומט צו א מצוה בין אדם למקום, צו לערנען און דאווענען, און אנדערע זאכען וואס מען דארף נזהר זיין, איז ער שוואך.

**דער** אייבערשטער האט אונז געגעבן צוויי לוחות. די ערשטע לוח, די ערשטע פינף מצות, זענען בין אדם למקום, און די צווייטע לוח, זענען די מצות בין אדם לחבירו. דער באשעפער האט אונז געגעבן די צוויי לוחות מצומדות, עס איז פארבונדען איינס מיטן אנדערן, מען קען עס נישט אפטיילען. זאג נישט, איך וועל זיין נזהר נאר אין בין אדם לחבירו, צו איך וועל זיין נזהר נאר אין בין אדם למקום, עס איז מצומדות, עס איז צוזאמגעבינדען איינס מיטן אנדערן. אפילו איין אות אין די תורה וואס א מענטש איז נישט גרייט צו האלטן, איז ער א כופר, עס פעלט אים אין שמירת התורה. זאגט דער **ערוגת הבשם**, אליעזר האט געזעהן אז זי איז א בעלת חסד, זי לויפט ברענגן צו טרינקען וואסער, אפשר איז זי נאר נזהר אין מצות שבין אדם לחבירו, אבער בין אדם למקום דארט וועט זי נישט זיין אזוי שטארק נזהר. האט ער איר געזאגט, מיר האבן א תורה וואס איז שני צמידים, עס איז פינף מיט פינף, עס איז צמידים, עס איז צוגעבינדען, און עשרה זהב משקלם, די אלע עשרת הדברות איז ביי אונז איינס. דער אייבערשטער האט געגעבן די עשרת הדברות האלב אזוי און האלב אזוי, צו ווייזען אז דאס איז די גאנצע תורה ביי אונז. אפילו דו ביסט נזהר אין בין אדם לחבירו, זאלסטו געדענקען, אז ווען דו וועסט אריינקומען צו יצחק אין שטוב, דארף זיין שני צמידים, מען דארף זיין נזהר אין אלע סארט מצות.

**אזוי** ווי די יריעות זענען דאך א רמז אויף די עשרת הדברות, וואס איז געווען פון פינף מצות און פינף מצות, האט מען געוויזען אז די פינף און פינף דארפען זיין חוברות אשה אל אחותה, מען דארף עס מחבר זיין איינס מיטן אנדערן. מען קען נישט אפטיילען די פינף פון די אנדערע פינף, א יוד דארף זיין נזהר אין כל התורה כולה, און דעמאלטס איז ער א יוד בשלימות ווי עס דארף צו זיין.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של החתן **חיים יהושע נאה** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת תצוה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **יוסף חיים קרויס** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אחיו הר"ר **שמעון ישראל קרויס** ע"ה.

*

***יום שלישי פרשת תצוה***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר

התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יהושע שטערן** הי"ו, **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט פריער געהערט אז למנצח על השמינית (תהלים יב-א), גייט ארויף אויף מצות מילה, וואס איז ניתנה לשמיני. פארוואס האט מען געגעבן די מצוה פון מילה צו אכט טאג, און נישט צו זיבן טאג אדער ניין טאג. עס מוז דאך זיין עפעס א ענין דערין, פארוואס א קטן איז נימול לשמונה.

**איך** האב געטראכט עס משלב צו זיין צו די פרשה די וואך. דער אייבערשטער האט געגעבן די מצוה פון עשיית המשכן, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח). מען האט געהאט גערעדט שבת (בסעודה שלישית), אז די יריעות וואס זענען געווען אויף די משכן, זענען געווען קודם די יריעות התחתונות, וואס איז געווען געמאכט פון תכלת ארגמן ותולעת שני און שש, און נאכדעם איז געווען א צווייטער דעק, די יריעות עזים, וואס האבן איבערגעדעקט די ערשטע. נאכדעם איז געווען א דריטע דעק וואס איז געווען פון עורות אלים מאדמים, און עורות תחשים. אויף דעם איז דא א מחלוקת (שבת כח.) צו דאס איז געווען איין דעק, וואס האלב איז געווען עורות אילים, און האלב איז געווען עורות תחשים, קומט אויס אז עס איז געווען דריי דעקן אויפן משכן. צו עס איז געווען צוויי באזונדערע דעקן, איינס איז געווען פון עורות אילים, און איינס איז געווען פון תחשים, און לויט דעם איז געווען פיר דעקן אויפן משכן. פארוואס דארף מען אזויפיל דעקן אויפן משכן? אויב מען דארף האבן א דעק וואס זאל צודעקן אנשטאט א דאך, זאל מען האבן איין דעק דערויף. פארוואס האט די תורה געהייסען אז מען זאל לייגען דערויף איין דעק, און נאך א דעק, און יעדע איז געווען א אנדערע סארט דעק וואס מען האט ארויפגעלייגט. און פארוואס האלט איינער אז עס איז געווען דריי דעקן, און איינער האלט אז עס איז געווען פיר דעקן. אויסער די סודות הדברים, ליגט דאך אין פשטות אויך דערין.

**מען** האט געהאט גערעדט, אז די ערשטע יריעות איז געווען פון פינף יריעות און פינף יריעות, און מען האט עס מצרף געווען צוזאמען, זאגט דער **בעל הטורים**, אז דאס איז א רמז אויף די תורה, וואס די תורה איז עשרת הדברות. און אין די צען דברות, איז כלול די גאנצע תורה. פינף מצות איז געשריבן אויף איין לוח און פינף איז געשריבען אויפן צווייטען לוח, און די יריעות איז אויך געווען פינף און פינף, און מען האט עס מחבר געווען, איז עס א רמז אויף די תורה פון עשרת הדברות. וואס עפעס פונקט דא ביי די דעק פונעם משכן, האט מען געוויזען א רמז אויף די עשרת הדברות.

**עס** איז דא א טייער ווארט פונעם מיטעלן **בעלזער רב זי"ע**, אז עס שטייט אין די גמרא (פסחים פח:) אויפן מקום המקדש, אז אברהם קראו הר, יצחק קראו שדה, יעקב קראו בית. האט דער **בעלזער רב זי"ע** געזאגט, אז עס שטייט אין די ספרי המקובלים, אז די ערשטע וואנט פונעם בית המקדש האט געבויט דער אייבערשטער מיט זיין מחנה. ער זאגט אז מחנה מיינט נישט א מחנה, נאר עס איז דא שמות וואס גייען אריין אין כלל פון מחנה, און מיט די שמות האט דער אייבערשטער געבויט די ערשטע וואנט פונעם בית המקדש. די צווייטע וואנט האט געבויט אברהם מיט זיין מחנה, די דריטע וואנט האט געבויט יצחק, און די פערטע וואנט האט געבויט יעקב. מחנ"ה באטרעפט הונדערט און דריי. קומט אויס, אז דער אייבערשטער האט געבויט איין וואנט מיט זיין מחנה. ווען עס איז געקומען צו אברהם אבינו איז שוין דא צוויי מחנות, צוויי מאל מחנ"ה איז צוויי הונדערט און זעקס. אברהם קראו ה"ר, ווייל 'הר' מיטן כולל איז צוויי הונדערט און זעקס. די דריטע וואנט האט געבויט יצחק מיט זיין מחנה, איז שוין געווען דריי מחנות, דריי מאל הונדערט און דריי, איז דריי הונדערט מיט ניין, דאס איז שד"ה. די פערטע וואנט האט געבויט יעקב, מיט זיין מחנה, איז שוין געווען פיר מחנות, פיר מאל הונדערט און דריי, איז פיר הונדערט און צוועלף, דאס איז בי"ת. דאס איז אברהם קראו הר, יצחק קראו שדה, יעקב קראו בית. משה רבינו ווען ער האט געוואלט אריינגיין קיין ארץ ישראל האט ער מתפלל געווען פינף הונדערט און פופצן תפלות, אז ער זאל קענען אריינגיין קיין ארץ ישראל. ווייל משה רבינו האט געדארפט מאכן די דאך פונעם בית המקדש מיט זיין מחנה. אז מען גיט צו נאך הונדערט און דריי צו פיר הונדערט און צוועלף, איז עס פינף הונדערט און פופצן. האט

משה רבינו מתפלל געווען פינף הונדערט און פופצן תפלות, אז ער זאל קענען אריינקומען קיין ארץ ישראל, און מאכן דעם דאך פונעם בית המקדש.

**קומט** אויס, אז די פיר ווענט פונעם מקדש, איז דער אייבערשטער מיט די דריי אבות, און די דאך איז משה רבינו. מיר ווייסן אז עס איז דא שבעה רועים. דער אייבערשטער האט געוואלט אז אין משכן זאלן זיין א רמז אויף די אלע שבעה רועים, און די ווענט זענען דאך געבויט געווארן אין זכות פון די אבות, די דאך איז געווען אין זכות פון משה רבינו, איז געבליבן אהרן יוסף און דוד, איז העכער די ערשטע יריעות געווען נאך דריי יריעות, די יריעות עזים, מיט עורות אילים מאדמים, און די עורות תחשים. - דער וואס האלט אז די עורות אילים מיט די עורות תחשים איז געווען איינס, קומט אויס אז עס איז נאר געווען נאך צוויי, די יריעות עזים מיט די עורות אילים ותחשים. ווייל די ששה רועים זענען שוין געווען בשעת די משכן, אבער דוד איז נאך נישט געווען, דוד האט נאך געפעלט, האט מען נישט געדארפט מאכן א רמז אויף דוד, ווייל דוד איז נאך דעמאלטס נישט געווען.

**קומט** אויס, אז דער אייבערשטער מיט אברהם יצחק און יעקב זענען די פיר ווענט, די דאך פונעם משכן, דאס איז אקעגן משה. משה איז דער עמוד התורה, משה קבל תורה מסיני (אבות א-א), איז אינעם דאך וואס דאס איז די רמז אויף משה רבינו, דארט איז מרומז צען יריעות אקעגן די עשרת הדברות, וואס ער האט איבערגעגעבן די גאנצע תורה פארן גאנצן כלל ישראל.

**זעהט** מען, אז ווען מען וויל מאכן א מקדש פארן אייבערשטען, דארף מען האבן די זכות פון די שבעה רועים, אז מען זאל קענען צוקומען דערצו. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז וועגן דעם מאכט מען דעם ברית די אכטע טאג, כדי עס זאל אדוכגיין א שבת אינדערמיט, יעדע זיבן טאג איז דא א שבת. לויט דעם קען זיין, אז עס גייט אדורך זיבן טאג, כדי מען זאל קודם האבן די כח פון די שבעה רועים, און נאכדעם, דעם אכטן טאג, גייט מען אריין בבריתו של אברהם אבינו. מען געפונט ביי סוכות, שטייט אין זוהר הק' (ח"ג קג:), בסוכות תשבו שבעת ימים (ויקרא כג-מב), גייט ארויף אויף די אושפיזין, די זיבן רועים ווערן אנגערופן שבעת ימים. כדי מען זאל קענען אריינגיין בבריתו של אברהם אבינו, ווארט מען אז עס זאל אדורכגיין זיבן טאג, מען זאל האבן די זכות פון די שבעה רועים, און דורכדעם ווערט מען קענען שפעטער מגדל זיין דאס קינד בקדושה.

**דער** אייבערשטער האט געהאלפן פאר רבי יהושע אז ער האט מכניס געווען זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו. רבי יהושע האט א געוואלדיגען זכות, ער איז דער עמוד התורה ביי אונז אין די קהלה. און ער שטעלט זיך נישט אפ, וואס ער קען טון להגדיל תורה ולהאדירה. ער איז עוסק אין 'ובהם נהגה' מיט די בחינות, און ער האט יעצט אנגעהויבן א פרישע חבורה מיט די בחורים, דאס איז דער חלק התורה. און די זכות פון חסד, וואס עס פעלט אויס אין בית המדרש ביי די יונגעלייט, איז ער דארט די ערשטער ארויסצוהעלפן. זאל דער אייבערשטער געבן, אז ער זאל קענען מגדל זיין דאס קינד ווייטער אויף דעם וועג, לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **יעקב שלמה בראווער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **צבי יוסף שענבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'. בשמחת החתונה נפגש **רבינו שליט"א** עם **הגה"צ המשפיע רבי יצחק משה ערלאנגער שליט"א** וביקש ממנו להשמיע מדברותיו לתלמידי הישיבה גדולה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת ש"ב **הרה"ג רבי אשר אנשיל כ"ץ שליט"א** (בן כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א), עב"ג בן **הרה"ג רבי שלמה זלמן עהרענרייך שליט"א** ראה"כ נתיבות התלמוד, שהתקיים באולם תפארת מרדכי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, ובריקוד מיוחד עם אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת תצוה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, והתפלל שם תפלת מנחה.

אחר מנחה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל האסיפה שהתקיים בלשכת התאחדות הרבנים, על דבר הפירצה בענין ביטול קידושין. בתום האסיפה המשיך **רבינו שליט"א** לדון בזה עם הרבנים שליט"א חברי הבי"ד התאחדות הרבנים.

אחר האסיפה הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **הגה"צ אב"ד שאפראן שליט"א** שישב שבעה על פטירת אחיו **הגה"צ רבי יהושע זאב מייזליש זצ"ל** אב"ד ליעזש לאנדאן.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת דייטש שיחי' שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **אליעזר בער דייטש** ע"ה).

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של **בן כ"ק האדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א**, עב"ג **בת הרה"ג רבי מנחם נחום קאהן שליט"א** אב"ד תולדות אהרן בית שמש, **בן כ"ק האדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א**, שהתקיים בבית המדרש תולדות צבי ספינקא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים **האדמורי"ם מתולדות אהרן וספינקא שליט"א**.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל שמחת התנאים של בת הר"ר **אלעזר יואל גאלדבערגער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שלום אלעזר פארקאש** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **הרה"ג רבי דוד בעריש מייזליש שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד אוהעל שליט"א), עב"ג בן **הרה"ג רבי אהרן ארי' לערנער שליט"א** אב"ד וואלאץ, שהתקיים באולם פרדס צבי.

*

***יום חמישי פרשת תצוה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת **הרה"ג רבי יחזקאל אייכענשטיין שליט"א** אב"ד זידיטשוב מארין פארק (בן מחותנו כ"ק האדמו"ר מזידיטשוב טשיקאגא שליט"א), עב"ג בן **הרה"ג רבי בן ציון רובין שליט"א** (בן הגה"צ אבד"ק באבוב 45 שליט"א) שהתקיים באולם קהל חסידים. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***שבת קודש פרשת תצוה***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטש בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**.

במוצאי שבת נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל הר"ר **אלימלך שארף** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אביו הר"ר **משה שארף** ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל המלוה מלכה ודינער השנתי 'ליל המתיבתא' לטובת ישיבתינו הק' מתיבתא נחלת יעקב, שנערכה ביחד עם מסיבת חלוקת פרסים לתלמידי הישיבה שנבחנו על מסכת בבא קמא שלמדו בשנה שעברה. הדינער נערך ברוב פאר והדר ובמקהלות עם רב באולם עטרת חי'. הרה"ג רבי **יוחנן טווערסקי** שליט"א (משגיח ושו"מ בישיבה גדולה) פתח את המסיבה. בפרס 'נזר תפארת אבות' נתעטר הרה"ג רבי **נחמן גריצווייג** שליט"א, שגם השמיע מדברותיו במעלת ותפארת ישיבתינו הק'. אחר כך השמיע הרב **פישל שעכטער** שליט"א דברי זכרון לכבוד מחותנו הרה"ח רבי **רזיאל יהודה ברייער** ע"ה, שהדינער נתנדב לעילוי נשמתו. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. בסיום המסיבה היתה מחזה נהדר לכבוד התורה בעת שחילק **רבינו שליט"א** תעודות לתלמידי הישיבה שנבחנו על מסכת בבא קמא. בברכת המזון נתכבד הר"ר **שמחה מאיר ברייער** הי"ו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** האב דעם כבוד צו באגריסן די אלע וואס זענען זיך צוזאמגעקומען צו נעמען א חלק אין די הרבצת

התורה פון די מתיבתא. מען האט שוין פריער ארויסגעברענגט די חשיבות פון די מתיבתא, וואו די בחורים זיצן פון צופרי ביז ביינאכט, און מען איז זיך מייגע אויף תורה. תורה מיט יראת שמים, תורה מיט ערליכקייט. סיי אין די ישיבה קטנה און סיי אין די ישיבה גדולה. היינט איז דא אסאך פלעצער וואו מען לערנט תורה [דער אייבערשטער זאל געבן עס זאל נתרבה ווערן], איך קען זאגן בפה מלא, עס איז פון די געציילטע פלעצער, וואו עס איז דא אזא יגיעת התורה מיט אזא ערליכקייט, און מיט אזא דרך ארץ. עס איז א געוואלדיגער זכות פאר די וואס האבן א חלק דערין.

**איך** וויל זאגן א נקודה אין די וואכעדיגע פרשה פון הדלקת המנורה, וואס א חלק דערפון איז נוגע פאר די מגידי שיעורים, וואס געבן אוועק זייער צייט אויף מרביץ תורה זיין. און עס איז אויך נוגע פאר די תלמידים, די בחורים וואס האבן זיך געפלאגט און מייגע געווען אויף תורה, וואס זיי באקומען זייערע פרסים היינט נאכט. און א חלק וואס איז נוגע פאר די וואס זענען מחזיק תורה, זיי האבן א חלק דערין.

**דוד** המלך זאגט אין תהלים (קכח-ג), בניך כשתילי זיתים, דיינע קינדער זענען צוגעגליכן צו שתילי זיתים, אזוי ווי שתילים פון איילבירטן, סביב לשלחנך, וואס זיי זיצן ארום דיין טיש. הנה כי כן יברך גבר ירא ה׳, זאלן זיי זיין געבענטשט, אז די עלטערן זאלן קענען זיצן צוזאמען מיט די קינדער. דאס איז די ברכה פון א גבר ירא ה׳, אז ער זאל זוכה זיין צו האבן קינדער כשתילי זיתים, און זיי זאלן זיצן ארום דעם טיש.

**איך** מיין אז עס קען זיין א געדאנק דערין. די וואך אין די פרשה איז דאך די מצוה פון הדלקת המנורה. ואתה תצוה את בני ישראל, ויקחו אליך שמן זית זך, כתית למאור, להעלות נר תמיד (במדבר כז-כ). די תורה האט געהייסן, אז משה רבינו זאל צוזאמנעמען פון יודען שמן זית, כדי אז מען זאל קענען אנצינדן די מנורה. די מנורה דאס ווייזט אויף חכמת התורה, נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג), די תורה און מצוות גייט אריין אין גדר פון די מנורה, און ביי הדלקת הנרות האבן אהרן און די שפעטערדיגע כהנים אראפגעברענגט די הארה פון תורה אויף די וועלט.

**אין** די מנורה זעהט מען אסאך אינטערעסאנטע חלקים. איינס, אז דער נר המערבי האט זיך קיינמאל נישט אויסגעלאשן. עס איז געווען א עדות לישראל שהשכינה שורה בישראל. ווען מען האט געוואלט א עדות אז דער באשעפער איז שורה צווישן אונז, האט מען געקענט זעהן יעדן טאג אז עס איז געווען א נס אין בית המקדש, אז מען האט אריינגעלייגט די זעלבע אויל אין אלע נרות, און דער נר המערבי האט געברענט שטענדיג. אפילו ווען עס האט זיך אויסגעלאשן אלע אנדערע נרות, איז דער נר המערבי געבליבן לייכטן. - אין **חתם סופר** (בתורת משה פ׳ בהעלותך לז.) און אין אנדערע ספרים שטייט, אז די מיטעלסטיגע חלק פון די מנורה, דאס ווייזט אויף דעם רבי׳ן, וואס איז משפיע תורה פאר די קני המנורה. און די קני המנורה זענען די תלמידים וואס קומען ארויס פון די מנורה. און פון דעם נר המערבי ווערן אנגעצינדן אלע אנדערע נרות.

**מען** געפונט אין די גמרא (עירובין נד:), אז רבי פרידא האט געהאט זייער א שוואכן תלמיד, און ער האט מיט אים געלערנט איין זאך פיר הונדערט מאל, כדי ער זאל עס פארשטיין. איינמאל האט זיך געמאכט, אז רבי פרידא האט געדארפט אוועקגיין פאר א דבר מצוה, האט דאס קינד שוין נישט צוגעלייגט קיין קאפ צו וואס ער האט געלערנט מיט אים. און ווען ער האט געענדיגט, האט ער נישט געוואוסט נאכצוזאגן וואס מען האט מיט אים געלערנט. האט זיך רבי פרידא אראפגעזעצט נאכאמאל, און איבערגעגאנגען מיט אים פיר הונדערט מאל וואס מען האט געלערנט. און דער אייבערשטער האט אים באצאלט מיט אריכת ימים, און ער מיט זיין דור האבן זוכה געווען לחיי עולם הבא.

**אז** מען טראכט אביסל אריין אין דעם רבי פרידא, איז עס מבהיל על הרעיון. ער האט געהאט א תלמיד וואס מען האט געדארפט איבערזאגן א זאך פיר הונדערט מאל, נו קען מען דאך שוין פארשטיין וואס פארא גרויסן קאפ ער האט געהאט. און דער אמורא, רבי פרידא, האט זיך אפגעגעבן מיט אים, און ער האט מיט אים געלערנט. מען זאל איבערטראכטן, אפילו ער זאל לערנען מיט אים א מאמר חז״ל וואס נעמט איין מינוט צו לערנען, דאס איבערצוזאגן פיר הונדערט מאל, וויפיל שעה איז עס? א מאמר פון איין מינוט, קען מען נאר איבערזאגן אין א שעה,

זעכציג מאל. און אז מען זאגט עס איבער פיר הונדערט מאל, דארף מען צו דעם האבן וויניגסטענס זיבן שעה. ווען ער האט מיט אים געלערנט נאר איין מאמר חז"ל, האט ער עס מיט אים געלערנט זיבן שעה, אז ער זאל עס פארשטיין! און וואס פארא קאפ דער תלמיד האט שוין געהאט, וואס עס האט אים גענומען זיבן שעה אריינצולייגן. און איינמאל האט ער זיך פארטראכט, און ער האט נישט געקענט מקבל זיין, האט ער איבערגעלערנט מיט אים נאכאמאל פיר הונדערט מאל! נאך זיבן שעה! וואס וועט שוין אויסוואקסן פון דעם תלמיד שפעטער? אין די צייט האט דאך רבי פרידא געקענט אפלערנען א געוואלד פון תורה, און ער גיט אוועק זיבן שעה. אפילו ער זאל נאר האבן מיט אים א שיעור איינמאל אין די וואך, און אוועקגעבן זיבן שעה פאר איין מאמר חז"ל, איז דאך אסאך חשוב'ער אז אין די צייט זאל רבי פרידא לערנען פאר זיך, און אויסוואקסן וואס ער קען שטייגן.

**און** דער אייבערשטער האט באצאלט פאר רבי פרידא. דו האסט אוועקגעגעבן דיין צייט פאר יענעם, דו האסט אוועקגעגעבן זיבן שעה צו לערנען מיט יענעם איין מאמר חז"ל, דו וועסט גארנישט שאדן האבן, דו גייסט באקומען דאפעלט און דאפעלט יארן, פיר הונדערט יאר וועסטו קענען לעבן, וואס דו וועסט שפעטער קענען משלים זיין אסאך און אסאך. ווען אלע וועלן שוין נישט זיין, וועסטו נאך בלייבן לעבן, און דו וועסט קענען משלים זיין וואס דו האסט פארפעלט צו לערנען אליינס, אין די צייט וואס דו האסט געלערנט מיט דעם תלמיד.

**דער** נר המערבי וואס דאס האט אנגעצינדן די איבריגע נרות, דער נר מערבי איז געבליבן לייכטן, אז נאכדעם ווען אלע נרות זענען שוין אויסגעגאנגען, האט ער מאריך ימים געווען, און ער איז געבליבן לייכטן. ער זאל זיך נישט צוריקהאלטן פון זאגן, איך וועל מיך אפגעבן מיט דעם תלמיד? דער תלמיד האט דאך א שוואכן קאפ. אפילו ווען איך וועל אים שוין מסביר זיין נאכאמאל און נאכאמאל וואס מען האט געלערנט, וואס וועט שוין זיין? ער וועט עס בעסער פארשטיין? אין די צייט וועל איך פאר מיר לערנען אפאר בלעטער גמרא. דער באשעפער באצאלט עס, ער נעמט אוועק עגמות נפש, ער נעמט אוועק ביטולים פון דעם וואס מען גיט אוועק פאר תורה. האט דער אייבערשטער דאס באצאלט פאר דעם רבי פרידא. דער נר המערבי אפילו עס גייט שוין אויס די שמן פון די איבריגע, בלייבט איבער שמן אין דעם נר המערבי וואס טוט באלייכטן ווייטער.

**דאס איז די חיזוק וואס מרביצי תורה דארפן ארויפנעמען, נישט קוקן אויף דעם וואס עס נעמט אמאל צייט, אוועקצוגעבן פאר יענעם. דער באשעפער באצאלט עס, מען איז משלים נאכדעם וואס מען האט פארפעלט, אויף אסאך ערליי וועגן.**

*

**דער** תלמיד, דאס איז די קני מנורה, וואס איז מקבל פון די מנורה. די קני מנורה זענען געווען אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות (במדבר ח-ב), די קנויט וואס איז געלעגן אין די קנים, איז נישט געלעגן אינדערמיט, עס איז געווען געבויגן צו די מיטעלסטע חלק פון די מנורה. דאס איז טייטש, אז מען האט גענומען יעדען קנויט פון די אלע זעקס קנויטן פון דער זייט, און מען האט עס גערוקט צו די זייט, עס זאל זיין ווי נאנטער צו די מיטעלסטיגן חלק פון די מנורה.

**והיו** עיניך רואות את מוריך (ישעיה ל-כ), אז מען וויל מקבל זיין תורה פון דעם נר המערבי, דארף מען זוכן צו זיין נאנט, און נישט שטיין פון דערווייטנס. מען קען אויך מקבל זיין תורה ווען מען איז פון דערווייטנס, אבער די תורה האט געוואלט וויזן ביי די מנורה, אז ווי נענטער דו וועסט זיין צו די מיטעלסטיגע חלק פון די מנורה, דו וועסט דיך בייגן די מערסטע וואס דו קענסט, ווי נאנטער דו וועסט זיין, ווי מער דו וועסט זוכן מקבל צו זיין, וויפיל דו וועסט וועלן הערן, אזוי וועסטו קענען לייכטן שפעטער. האט די תורה געזאגט, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות, די נרות זאלן זיין געבויגן אינעווייניג אין די מנורה, די נאנסטע וואס זיי קענען צוקומען און מקבל זיין פון דעם נר המערבי.

*

**אבער** די תורה לערנט אונז דא, ווי אזוי צינדט מען אן די מנורה, מיט שמן זית זך. מען נעמט שמן, נישט פשוטע שמן, נאר דוקא שמן פון א זית, און מיט דעם

שמן זית זך זאל מען אנצינדן די מנורה. זית איז די ביטערסטע פרי וואס עס איז דא. יהי מזונותי מרורין כזית (עירובין יח:), זית איז ביטער צו עסן, יעדע טראפ דערפון איז ביטער. אבער עס איז נאר ביטער אין אנהייב. נאכדעם וואס מען נעמט דעם זית, און מען טוט אים צוקלאפן, און מען טוט ארויסנעמען דערפון דעם אויל, דער אויל איז נאכדעם די חשוב'סטע וואס עס איז דא צווישן די משקאות. שמן תורק שמך (שיר א-ג), דער שמן וואס קומט ארויס דערפון, דאס ברענגט אורה פאר די וועלט, דאס ברענגט ליכטיגקייט פאר די וועלט.

**ווען** א קינד ווערט געבוירן, ער קומט אראפ אויף די וועלט, איז ער דאך א עיר פרא אדם יולד (איוב יא-יב), אן קיין מידות, און א בעל תאוה. דער סדר פון א בשר ודם איז, ער ווערט געבוירען ווי א זית, ביטער פון אלע זייטן. אבער די עבודה פון עלטערן, און די עבודה וואס עלטערן געבן אריין א בחור אין די ישיבה ער זאל לערנען תורה, זיי ווילן נעמען דעם זית, אז מען זאל אים כותש זיין, און עס זאל ווערן פון דעם זית, שמן זית זך. דער זית זאל געטוישט ווערן, אז דער שמן שפעטער זאל זיין אזאנס וואס יעדער וועט קענען נהנה זיין דערפון. מען דארף נעמען דעם ביטערן זית, און מען דארף אים איבערמאכן, ער זאל זיין שמן, כדי ער זאל קענען שפעטער לייכטן אין תורה. דאס איז די עבודה פון די עלטערן, און פון דעם בחור אליין. די ערשטע יאר וואס מען לערנט תורה איז זית, עס איז ביטער. ער פארשטייט נישט וואס מען לערנט, און ער פלאגט זיך אויף יעדע זאך. אז מען פארשטייט נישט איז דאך דא א יגיעה אז מען זאל לערנען, מען דארף זיך מוטשען צו לערנען, און מען דארף זיך פלאגן ביז מען הייבט אן כותש זיין, נאכאמאל צוצוקלאפן, נאכאמאל צוצוברעקלען, ביז עס קומט ארויס דער שמן דערפון, אז ווען ער קומט ארויס פון די ישיבה, זאל די גאנצע ביטערקייט פון דעם זית האבן ארויסגעגאנגען, און עס זאל בלייבן נאר דער שמן, און דעמאלטס וועט עס זיין אז עס וועט קענען לייכטן, און ברענגען ליכטיגקייט פאר די וועלט.

**בניך** כשתילי זיתים, ווען דיינע קינדער זענען כשתילי זיתים, ווען דו ווייסט אז דיינע קינדער וואס ווערן געבוירען, זענען ביטער אזוי ווי זיתים, און דיין עבודה איז, צו מאכן פון דעם זית שמן, וואס עס זאל זיין להעלות נר תמיד, עס זאל לייכטן. ווען דו ווערסט האבן די הכרה אז דיינע קינדער וואקסן נישט אויף פון זיך אליין! אויב דו ווערסט לאזן דיינע קינדער גיין אזוי ווי עס איז, בלייבן זיי ביטערע זיתים אויף שפעטער. ווען דו ווערסט וויסן אז 'בניך', דיינע קינדער, זענען 'כשתילי זיתים', אזוי ווי די שתילי זיתים אז מען דארף פון דעם פרובירן צו מאכן שמן, דעמאלטס 'סביב לשלחנך', קענען זיי זיצן ארום דיין טיש. 'הנה כי כן יברך גבר ירא ה'', דאס איז די ברכה פון א ירא ה', אז ער האט קינדער, און ער נעמט די זיתים, און ער מאכט דערפון שמן זית זך כתית למאור, אז עס זאל לייכטן שפעטער.

**און** דאס גיט דעם חיזוק פאר דעם תלמיד אליינס, צו וויסן, אז אמת עס איז זית, עס קומט אן ביטער שווער אז מען זאל לערנען תורה, און מען זאל פארשטיין תורה. אדם כי ימות באהל (במדבר יט-יד), אין דברי תורה מתקיימים אלא במי שממית עצמו עליה (ברכות סג:). אבער עס איז נאר ביטער אין אנהייב, יעדע קלאפ וואס מען גיט אויף דעם זית, קומט ארויס נאך אביסל שמן, און נאך אביסל שמן, ביז עס קומט ארויס שמן וואס טוט באלייכטן די וועלט דורך די תורה וואס מען האט געלערנט. דאס גאנצע ביטערקייט וואס דער מענטש האט, וועט נתהפך ווערן עס זאל זיין א טייערע פרי.

**זית** רענן יפה פרי תואר קרא ה' שמך (ירמיה יא-טז), ברענגט צו דער מדרש די וואך (שמו"ר לו-א). דער אייבערשטער האט דיך גערופן דו ביסט א זית רענן, אבער דו ביסט א יפה פרי תואר. דער זית אליין איז ביטער, און דו דארפסט מאכן פון דעם זית א פרי תואר, אז עס זאל זיין אזוי ווי שמן, און דעמאלטס וועט זיין להעלות נר תמיד, דעמאלטס קען מען לייכטן.

*

**אבער** כדי צוצוקומען צו דעם, אז אונזערע קינדער זאלן נישט בלייבן זיתים, אונזער קינדער זאלן בלייבן שמן להאיר, וואס אויף דעם גיבן זיך אלע מגידי שיעור אוועק מיטן גאנצן כח. מען רעדט דאך צו א עלטערן דור, וואס ווייסן נישט וואס דאס הייסט א בחור היינטיגע צייטן. זיי ווייסן נישט די שווועריקייטן וואס א בחור גייט היינט אדורך, לויט די נסיונות פון די גאס, און מען זאל קענען זיצן און לערנען, אוועקגעבן שעות פאר תורה, און מען זאל

קענען אריינברענגען אהבת תורה ויראת שמים, איז א גוואלדיגע עבודה היינט. און אז מען טוט עס נישט, בלייבט מען א זית שפעטער. מען קען עס פארדעקן פון אינדרויסן, אז מען וועט נישט וויסן און מען וועט נישט זעהן, אבער עס טוישט זיך נישט. עס איז נאר די תורה הק' אליין וואס דאס טוט באלייכטן דעם מענטש. עס איז א גוואלדיגע עבודה וואס עס ליגט דערין. און אין דעם האבן א זכות, די אלע וואס נעמען א חלק. מען האט א חלק אין די תורה, זיי טוען אויפבויען תורה פארן קומענדיגן דור. אז מען נעמט יודישע קינדער זאלן נישט בלייבן קיין זיתים, זיי זאלן נישט זיין ביטער אזוי ווי א זית, נאר עס זאל זיין שמן להאיר, צו דעם דארף מען האבן דעם כח פונעם כלל ישראל, וואס טוט צו העלפן דערצו אז מען זאל קענען שטייגן.

**און** אויף דעם האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, מען דארף צינדן די מנורה. אבער צו צינדן די מנורה דארף מען האבן הילף פון אנדערע. ויקחו אליך שמן זית זך כתית למאור, צו מאכן פון דעם זית, שמן, אויף דעם דארף מען האבן ויקחו אליך, אנדערע זאלן צוברענגען דערצו, און צוהעלפן דערצו, אז עס זאל קענען אויסוואקסן דערפון, אז דער זית זאל קענען ווערן שמן, און עס זאל זיין כתית למאור.

*

**מען** ווייסט די גוואלדיגע חשיבות פון תורה. עס שטייט אין די גמרא (כתובות קיא:) עמי הארצים אינעם חיים, אן עם הארץ וועט נישט אויפשטיין קיין תחיית המתים. מקרא אני דורש, אין פסוק (ישעיה כו-יט) שטייט אזוי, ווער עס האט אור תורה, אור תורה מחייהו. טאמער האט ער נישט קיין אור תורה, שטייט ער נישט אויף קיין תחיית המתים. ביז רבי אלעזר האט געזאגט, מצאתי להם תקנה, איך האב געטראפן א תקנה, אפילו אן עם הארץ וואס האט נישט קיין צייט צו לערנען א גאנצע וואך, ער ליגט אין געשעפטן אין ביזנעס, פון דעסטוועגן דאך וועט ער אויפשטיין תחיית המתים. מיט דעם וואס ער העלפט צו, ער איז מהנה תלמידי חכמים מנכסיו. די גמרא רעכנט אויס וואס מען קען אלץ צוטון דערצו, אז מען זאל קענען האבן א חלק אין תורה, דעמאלטס וועט מען אויפשטיין תחיית המתים.

**קומט** אויס, אז כדאי מען זאל אויפשטיין תחיית המתים, דארף מען האבן א חלק אין תורה. נישט יעדער איינער איז דאך אין די מדריגה אז דער באשעפער האט אים געגעבן זיין ארבעט אויף די וועלט, ער זאל קענען זיצן באהלה של תורה, אבער א חלק אין תורה דארף יעדער יוד האבן! און מיט די געלט וואס מען גיט אוועק מחזיק צו זיין תורה, האט מען א חלק אז מען שטייט שפעטער אויף תחיית המתים. יעדער איד האט אין זיך א נשמה, וואס א נשמה דאס איז נר ה' נשמת אדם (משלי כ-כז), דאס איז א נר. דער נר ברענט אבער נישט שטענדיג, עס איז נישט קיין נר תמיד, א מענטש האט באגרעניצטע יארן ווילאנג ער איז אויף די וועלט, מער לייכט ער נישט. אבער אז מען איז זוכה אויפצושטיין תחיית המתים, דעמאלטס איז מען זוכה אז דער נר איז א 'נר תמיד'. עס קומט אמאל צוריק דער נר, און מען דערלעבט נאכדעם חיים נצחיים וואס עס איז דא ביי תחיית המתים.

**ויקחו** אליך שמן זית זך, זאג פאר כלל ישראל אז זיי זאלן האבן א חלק אין די תורה. יעדער זאל צוגעבן צו דעם שמן זית זך, וועלן זיי זוכה זיין להעלות נר תמיד, אז זייער נר ה' נשמת אדם וועט קענען ברענען שטענדיג, מען וועט זוכה זיין צו תחיית המתים, וואס עס וועט קענען זיין, אז דער נר זאל קענען לייכטן שטענדיג.

**מען** רעדט דאך צו נאנטע צו די ישיבה, וואס האבן א חלק אין די הרבצת התורה וואס עס קומט ארויס פון דעם מקום. הונדערטער בחורים אין משך פון די יארן וואס וואקסן אויף שפעטער ערליכע בחורים תלמידי חכמים יראי ה'. און אלעס איז אין זכות פון די וואס האבן צוגעהאלפן דערצו, און זיי זענען זיך משתתף בלב ובנפש, זיי טוען זיך אנשטרענגען כדי אז דער מקום זאל קענען ווייטער שטייגן און בליען.

*

**מען** ווייסט דאך וואס עס שטייט אין **פנים יפות** (פ' ראה ד"ה והלוי אשר בשעריך), אז ווען מען לערנט תורה אליין, איז דאך דא אמאל וואס מען לערנט תורה שלא לשמה, נישט אייביג האט מען דעם זכות פון תורה. אבער שלום רב לאוהבי תורתך ואין למו מכשול (תהלים קיט-קסה), דער וואס גיט אוועק געלט פאר תורה, נישט קיין נפקא מינה ווי אזוי יענער

האט געלערנט, צו ער האט געלערנט תורה לשמה. אויב ער האט אוועקגעגעבן געלט ערליך, ער וויל אז מען זאל לערנען תורה מיט זיין געלט וואס ער האט געגעבן, איז ביי זיי נישט דא קיין מכשול. דער וואס לערנט תורה אליין, איז נישט 'להעלות נר תמיד', עס איז נישט אייביג אז דער נר לייכט שטענדיג. אבער ויקחו אליך שמן זית, די וואס ברענגען און געבן געלט, פאר זיי איז 'להעלות נר תמיד', נישט קיין נפקא מינה אין וואס פארא מצב דער תלמיד חכם איז געווען, באקומט ער זיין שכר.

*

**עס** קומט נישט אויס אז איך זאל קענען באדאנקען פאר די אלע וואס טוען אזויפיל פאר די מוסדות. סיי די וואס טוען אין די הנהלה גשמיות, רבי שמואל דוד וואס האט גענומען אויף זיך אזא עול, די תלמוד תורה, די מיידל שולע, די ישיבה קטנה, און די ישיבה גדולה, די קעמפס. ב"ה עס איז נתוסף ספסלי, מען האט געבויט אינעם קעמפ א נייעם בנין פאר די ישיבה לשם ולתפארת, און מען בויט יעצט א פרישע מקוה וואס מען דארף האבן פאר די ישיבה. עס איז א געוואלדיגע זכות ווער עס האט א חלק דערין.

**די** מרביצי תורה וואס עס איז דא אין די ישיבה, איך וויל זאגן, אז זיי געבן אוועק זייער גאנצער כח אריינצולייגן אין די בחורים תורה און ערליכקייט. די מנהלים, סיי רבי פישל אין די ישיבה קטנה, און סיי רבי אלימלך אין די ישיבה גדולה, לייגן אריין אויסערגעווענליכע כוחות ארויפצוהייבן יעדן בחור עקסטער. איז אוודאי א געוואלדיגער זכות וואס דער אייבערשטער באצאלט עס שפעטער, אז דער נר המערבי, די משפיעים, די טוען לייכטן שפעטער אויך.

**די** זעלבע איז אויך די בחורים וואס האבן זיך געפלאגט אויף תורה, זיי זאלן וויסן, עס איז טאקע זית, עס איז טאקע אנגעקומען שווער אז מען זאל זיך קענען שטעלן פארהערן מסכת בבא קמא, עס קומט אן ביטער שווער ביז מען קען א מסכתא, אבער זיי זאלן וויסן, אז זיי זענען ארויסגעגאנגען פון די ביטערקייט פון זית, זיי לייכטן שוין, זיי האבן שוין א חלק פון דעם שמן, און אויב זיי וועלן ווייטער ממשיך זיין צו לערנען פלייסיג, וועלן זיי זיין שמן להאיר וואס וועט קענען באלייכטן ווייטער.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז אין דעם זכות וואס מען פלאגט זיך פאר תורה, און דער זכות וואס מען איז מחזיק תורה, זאל דער באשעפער געבן ווייטער אויך, אז זיי זאלען קענען מצליח זיין אין זייערע נכסים, כל העוסק בתורה נכסיו מצליחים (עבודה זרה יט:). עס איז כולל ביידע, סיי דער וואס זיצט און לערנט תורה, און סיי דער וואס איז עוסק אין עניני גשמיים, אבער עס איז עוסק בתורה, ווייל ער האט א שותף צו זיינע עסקים, ער האט די תורה. נכסיו מצליחים, האט ער אן הצלחה אין זיינע נכסים. און די גרעסטע ברכה האט ער, מאן דרחים רבנן הוו ליה בנין רבנן (שבת כג:), אין אזא דור ווי היינט, אז מען זאל קענען זוכה זיין צו האבן ערליכע קינדער, ערליכע דורות, קינדער תלמידי חכמים, דארף מען האבן געוואלדיגע זכותים דערצו. די וואס זענען מחזיק תורה פאר זיי איז אין למו מכשול, פאר זיי וועט נישט זיין קיין מכשול, נאר שלום רב לאוהבי תורתיך נאר שמחות און נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות. זאלן מיר אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.